**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעקארד שטעלנדע טוריסם דערגרייכונגען פאר ניו יארק סטעיט**

***היסטארישע 306.3 מיליאן באזוכער האבן שפאצירט אינעם עמפייער סטעיט אין 2023 - די מערסטע אין ניו יארק סטעיט היסטאריע***

***טוריסם האט ארויסגעברענגט 88 ביליאן דאלאר אין דירעקטע געלט אויסגעבונג און 137 ביליאן דאלאר אין סך הכל עקאנאמישע אפעקט, איבערשטייגנדיג פריערדיגע הויכע ציפערן אין 2022***

***פאראויס פון הערבסט רייזע סעזאן, הויבן זיך I LOVE NY הערבסט בלעטער באריכטן אן אויף סעפטעמבער 12***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק האט אויפגענומען א רעקארד-שטעלנדע 306.3 מיליאן באזוכער אין 2023, און אינעם זעלבן צייט אויך געשטעלט נייע היסטארישע הויכע ציפערן פאר דירעקטע באזוכער געלט אויסגעבונג און סך הכל עקאנאמישע אפעקט פארבינדן מיט די סטעיט'ס טוריסם אינדוסטרי. באזוכער צו ניו יארק סטעיט האבן צוגעגעבן צו א רעקארד-הויכע 88 ביליאן דאלאר אין דירעקטע געלט אויסגעבונג, און האט געשטיצט א היסטארישע 137 ביליאן דאלאר אין סך הכל עקאנאמישע אפעקט איבער די סטעיט. די גאווערנער האט געמאכט דעם אנאנסירונג ביי די גרויסע ניו יארק סטעיט פעיר, א יערליכע פאפולערע סעזאנישע טוריסם אטראקציע און עקאנאמישע טרייבער. די אינפארמאציע, צוזאמגעשטעלט אין א סעריע פון [באריכטן צוגעגרייט דורך טוריסם עקאנאמיקס], שטעלט פאר באדייטנדע פארדינסטן איבער דעם דעמאלץ-רעקארד-שטעלנדע ציפערן פון 2022, און שטייגט שטארק איבער די העכסטע ציפערן עררייכט איידער די קאוויד-19 פאנדעמיע.

"ניו יארק סטעיט גייט צוזאמען מיט טוריסם; עס איז א טייל פון די שטאף, היסטאריע און עקאנאמיע פון אונזער גאר פארשידנארטיגע סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין צייט וואס מיר דערנענטערן זיך צו די הערבסט בלעטער און רייזע סעזאן, נעמען מיר אויף מער באזוכער ווי קיינמאל פריער, און זייער אנוועזנהייט שטיצט ביזנעסער און קאמיונטיס אין יעדע ווינקל פונעם סטעיט."

פאריגע יאר, האט די סך הכל עקאנאמישע אפעקט פון טוריסם איבער די גאנצע סטעיט דערגרייכט א רעקארד-הויכע 137 ביליאן דאלאר, פארשטעלנדיג אן 11 פראצענטיגע שפרינג העכער 2022. דירעקטע באזוכער געלט אויסגעבונג איז אויך געוואוקסן מיט כמעט 12 פראצענט העכער פון 78.6 ביליאן דאלאר אין 2022 צו 88 ביליאן דאלאר אין 2023 - די דריטע יאר אין א רייע פון דאפלטע-ציפערן וואוקס. ניו יארק סטעיט האט אויך געזען א פינף פראצענט העכערונג אין באזוכער צו 306.3 מיליאן רייזנדע, ארויף פון 291.5 מיליאן אין 2022. אויך, האבן די סטעיט און לאקאלע שטייער פארדינסטן ארויסגעגעבן דורך טוריסן געשפארט פאר די דורכשניטליכע ניו יארק סטעיט הויזגעזינד $1,420 אין שטייערן.

די באריכטן דורך טוריסם עקאנאמיקס רעכענען אויס די אינדוסטרי'ס סטעיט און ראיאנישע וויכטיגקייט און שטרייכן אונטער אז ניו יארק סטעיט בלייבט נישט בלויז א הויפט רייזע ציל, נאר רייזע באדערפענישן בלייבן שטארק אין די נאכ'ן-פאנדעמיע סצענע. יעדע פון די סטעיט'ס 11 וואקאציע ראיאנען האבן געשפירט שטארקע וואוקס, מיט די פינגער לעיקס, גרעסערע נייעגרע ראיאן, לאנג איילענד און ניו יארק סיטי אלע באריכטנסיג באזוכער געלט אויסגעבונג העכערונגען פון איבער 10 פראצענט. כאטש דאמעסטישע באזוכער געלט אויסגעבונגען זענען די שטערקסטע אין ניו יארק'ס רייזע עקאנאמיע, איז די געלט אויסגעבונג וואוקס פון קאנאדישע און אויסלענדישע באזוכער איבערגעכאפט די פון דאמעסטישע רייזנדע.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנאר האופ נייט האט זאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען אינעם טוריסם אינדוסטרי אונטער גאווערנער האקול ברענגט ווייטער ארויס פארדינסטן אין צייט וואס מיר נעמען אויף נאכמער געסט פון ארום די וועלט צו אונזער סטעיט. די לעצטע ציפערן צייגן אז ניו יארק סטעיט און איר אייגנארטיגע אטראקציעס ציען ווייטער באזוכער פון ארום די וועלט, וואס העלפט שטארקן ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס איבער די גאנצע סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריסם ראס ד. לעווי האט געזאגט,** "כאטש וואס געוויסע עקספערטן האבן מורא געהאט פון א נאך-קאוויד טוריסם באבל מיט רייזנדע ערפילן זייער איינגעהאלטענע באדערפעניש פאר רייזע אין 2022, האט ניו יארק סטעיט טוריסם נישט געוויזן קיין שום צייכן פון נאכלאזן אין 2023 און איז האט געגאנגען קעגן יעדע ערוואַרטונג דורך אנקומען צו רעקארד הויכע שטאפלען פון באזוכן, באזוכער געלט אויסגעבונג, עקאנאמישע אפעקט און שטייער ארויסגעבונג. די ערפאלגן זענען א דאנק די געמיינזאמע ארבעט פון די טוריסם אינדוסטרי איבער די גאנצע סטעיט וואס ווייזט ווייטער געדאנקען, פעסטקייט, און רייכקייט מיט מוטיגן רייזנדע צו שפירן ווי גרינג עס איז צו ליב האבן ניו יארק."

גאווערנער האקול האט געשטיצט און געמאכט א פריאריטעט פון ניו יארק'ס טוריסם אינדוסטרי - איינע פון די סטעיט'ס הויפט עקאנאמישע טרייבערס. אונטער איר פירערשאפט, האבן זיך אנגעהויבן נייע פראגראמען אזויווי די I LOVE NY (איך האב ליב ניו יארק) שווארצע רייזע איניציאטיוו צו אויסברייטערן באזוכן, און איר היסטארישע "Bring Back Tourism, Bring Back Jobs" (ברענגט צוריק טוריסם, ברענגט צוריק ארבעט געלעגנהייטן) פאנדעמיע ערהוילונגס פעקל האט געשטיצט רייזע אינדוסטרי ביזנעסער און איינגעשטעלטע, און געברענגט נייע אווענטן צום סטעיט. פאריגע יאר, איז פארטיילט געווארן נאנט צו 15 מיליאן דאלאר אין מארקעט ניו יארק גרענטס פאר 59 טוריסם פראיעקטן און אווענטן דורך די ראיאנישע עקאנאמישע דעוועלאפמענט קאונסיל איניציאטיוו.\ אויך, זענען געגעבן געווארן מער ווי 14 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר 30 לאקאלע און ראיאנישע דעסטינאציע מארקעטינג ארגאניזאציעס דורך די EDA טוריסם פארטנער סאב-טיילונגען גרענט פראגראם. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט גענצליך איבערטוישנדע פארבעסערונגען פאר טוריסם אינפראסטרוקטור אזויווי סטעיט פארקס און לופטפעלדער, און אויך ברייטע I LOVE NY מארקעטינג באמיאונגען צו מוטיגן צו פארן לענגאויס ניו יארק סטעיט.

**סטעיט סענאטאר דזשאסע מ. סעראנא האט געזאגט,** "טוריסם איז א גאר וויכטיגע עקאנאמישע טרייבער פאר ניו יארק סטעיט, און די נייע אינפארמאציע ווייזט אז מענטשן האלטן אין איין קומען צו מיטלעבן די סטעיט'ס אייגנארטיגע צוגאבעס. אלס דער טשעיר פונעם סענאט קאמיטע אויף קולטוראלע עפעירס, טוריסם, פארקס און פארוויילונג, בין איך גאר צופרידן מיט די סטעיט'ס ווייטערדיגע וואוקס אין דעם קריטישן אינדוסטרי, און האף אז נאכמער רייזנדע וועלן קומען און באזוכן ניו יארק דעם הערבסט."

**אסעמבלימיטגליד דאניעל או'דאנעל האט געזאגט,** "אלס דער טשיער פונעם קאמיטע אויף טוריסם, פארקס, קונסטווערק, און ספארטס אנטוויקלונג, בין איך זייער פרייליך מיטצוטיילן אז ניו יארק האט עררייכט רעקארד-ברעכנדע דערגרייכונגען אין טוריסם אין 2023. דאס עררייכונג שפיגלט אפ א העכערונג אין טוריסם איבער דאס גאנצע פון ניו יארק סטעיט וואס וואלט געווען אוממעגליך אן די איבערגעגעבענע ארבעט פון יעדער אין די טוריסם אינדוסטרי און די ווירקזאמע פאליסיס וועלכע שטיצן ניו יארק'ס טוריסם באפעלקערונג. כאטש וואס די זוממער קומט צו אן ענדע, בלייבט נאך אסאך צו זען אין ניו יארק אין די הערבסט און ווינטער סעזאנען. צוזאמען, וועלן מיר ווייטער פארזיכערן ניו יארק'ס פאזיציע אלס א הויפט גלאבאלע רייזע ציל."

די היינטיגע אנאנסירונג קומט פאראויס פון די הערבסט רייזע סעזאן, איינע פון די מערסטע פאפולערע צייטן פאר איינוואוינער און באזוכער צו ארומפארן דעם סטעיט. ניו יארק סטעיט האט איינע פון די לענגסטע און מערסטע קאלירטע בלעטער סעזאנען אינעם לאנג, אויפנעמנדיג באזוכער פון ארום די וועלט וועלכע קומען צוקוקן די סעזאנישע אטראקציעס ארום די סטעיט'ס אייגנארטיגע און פארשידנארטיגע ראיאנען. צו העלפן רייזנדע פלאנירן א הערבסט וואקאציע, וועט I LOVE NY אנהויבן איר וועכנטליכע הערבסט בלעטער באריכטן אויף דאנערשטאג, סעפטעמבער 12, מיט אפדעיטס ווערן ארויסגעגעבן יעדע וואך מיטוואך ביז'ן ענדע פונעם סעזאן.

I LOVE NY'ס הערבסט בלעטער באריכטן ווערן צוזאמגעשטעלט וועכנטליך נוצנדיג אויפ'ן-פלאץ אבזערוואציעס פון א גרופע פון איבער 85 וואלונטירן ארום די סטעיט'ס 11 וואקאציע ראיאנען. די נאכקוקער גייען נאך קאליר טוישונגען אין זייער געגנט און שרייבן אראפ די שטערקסטע בלעטער קאלירן, פראצענט פון סך הכל איבערטויש, און פארשריט אין פארגלייך צו בעסטע אומשטענדן פאר דעם פאלגנדן וויקענד. בעסטע אומשטענדן ווערן באטראכט אלס די בעסטע וואס די בלעטער וועלן אויסקוקן אין א געוויסע סעזאן, און קומען געווענליך פאר צווישן ענדע סעפטעמבער און מיטן-נאוועמבער, געוואנדן אינעם לאקאציע.

אלס טייל פון די באריכט, וועט די רייכע בלעטער מאפע אויפ'ן [I LOVE NY וועבזייטל](https://www.iloveny.com) נאכקוקן וועכנטליכע טוישונגען און פארשריט דורכאויס דעם סעזאן. די מאפע שלאגט פאר רעקאמענדירטע צוקוקונג לאקאציעס, ביישפילן פון בעסטע בלעטער אין באשטימטע פלעצער, און אינפארמאציע איבער פאפולערע לאקאלע און ראיאנישע אטראקציעס. רייזנדע ווערן געלאדנט צו מיטטיילן זייער בעסטע ניו יארק סטעיט בלעטער בילדער אויף סאושעל מידיע נוצנדיג די #NYLovesFall העשטעג פאר א מעגליכקייט צו ווערן ארויפגעלייגט אויף דעם I LOVE NY וועבזייטל און אפיציעלע סאושעל מידיע אקאונטס, אריינגערעכנט [X](https://x.com) ,[Facebook](https://facebook.com) ,[Instagram](https://instagram.com) (געוועזענע ,Twitter) and [Threads](https://threads.net) וועלכע קומען אן צו איבער צוויי מיליאן נאכפאלגער.

באריכטן און די רייכע בלעטער מאפע זענען דא צו באקומען אויף [www.iloveny.com/foliage](http://www.iloveny.com/foliage), אדער טאל-פריי אויף 800-225-5697 (800-CALL-NYS) פון יעדע פלאץ אין אמעריקא, אירע טעריטאריעס און קאנאדא.

די הערבסט בלעטער פראגראם איז בלויז איין טייל פון I LOVE NY'ס אלגעמיינע קאמפיין צו שטארקן הערבסט טוריסם, וואס נעמט אריין א נאכפאלגנדע טעלעוויזיע עד. רייזנדע קענען עקספלארירן אלע הערליכע אטראקציעס און אקטיוויטעטן וועלכעווארט זיי אפ איבער די גאנצע סטעיט דעם הערבסט - פון עפל און פאמפקין קלייבן צו שטרעקעדיגע האלאווין אקטיוויטעטן, הייקינג, קרעפט געטראנק וועגן און וועג דורך היסטאריע וויקענד ספעציעלע אווענטן אויף [www.iloveny.com/fall](http://www.iloveny.com/fall).

פאר מער אינפארמאציע איבער טוריסם אין ניו יארק אדער צו פלאנירן א ניו יארק סטעיט וואקאציע, באזוכט [www.iloveny.com](http://www.iloveny.com).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן